וועטער:
קלאר און מילדער

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910.
Published
DAILY

דאס אידישע ווארט

THE GATEWAY OF THE WEST.

THE ISRAELITE PRESS

זון אויפגאנג — 7.39
זון אונטערגאנג — 5.46

די איינציגע אידישע
צייטונג
אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאג

Vol. 21, No. 34. Winnipeg, Tuesday Feb. 17, 1931. Published Daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג דינסטאג, ל' שבט, תרצ"א.

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS
FEB 27 1931

אראבער שטארק אומצופרידן מיט מאקדאנאלדס בריוו

אראבישע צייטונג שלאגט פאר רעזיגנאציע פון אראבישער עקזעקוטיווע, מוסולמאנישן ראט און הויכע אראבישע באאמטע.

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

ירושלים, פעב. 17 (איטא). — "ווען די אראבישע פירער דא זאלן קאנען אויספירן וואס זיי ווילן, וועלן די אראבישע עקזעקוטיווע, דער הויכער מוסולמאנישער ראט און די העכערע אראבישע באאמטע אין פאלעסטינע, איינשליסנדיק די אראבישע ריכטער — אלע רעזיגנירן אין פראטעסט קעגן פרעמיער מאקדאנאלדס בריוו צו דר. ווייצמאן לעצטע וואך".

אזוי דערקלערט די אראבישע צייטונג "אלכאיאט". פארגלייכנדיק לארד פעספילדס ווייסן פאפיר מיט דעם פרעמיערס בריוו, פארזיכערט די צייטונג, אז דער בריוו האט מיט איין קלאפ פארניכטעט דעם אראבישן צוטרוי אין דער ערנסטקייט פון דער מאנדאטן מאכט.

די אראבישע עקזעקוטיווע האט דערווייל איבערגעשיקט א דערקלערונג צום הויי־קאמישאנער טשענסעלאר, אין וועלכן עס ווערט דערקלערט, אז זי באטראכט דעם רעגירונג בריוו ווי א צוריקטריט און פראטעסטירט ווידער, מיט דער בקשה, אז דער פראטעסט זאל איבערגעשיקט ווערן קיין לאנדאן.

פארשידענע מיינונגען ביי אמעריקאנער ציוניסטן

ניויארק, פעב. 17 (איטא). — אייניקע האבן אויסגעדריקט צופרידנהייט און אנדערע — אומצופרידנהייט מיט מאקדאנאלדס בריוו, ביי דער קאנפערענץ פון דער אדמיניסטראטיווע־קאמיטע פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע, פארופן לעצטן אוונט מיט'ן צוועק צו באטראכטן דעם בריוו.

קיין רעזאלוציעס איז דערווייל ניט אנגענומען געווארן. די זיצונג ווערט אפגעהאלטן היינט (דינסטאג) אוונט.

מאגנעס פארט קיין אמעריקע

ירושלים, פעב. 17 (איטא). — דר. מאגנעס איז אפגעפארן קיין אמעריקע און עס ווערט דערווארט ער זאל אנקומען קיין ניו־יארק מארט 12טן.

—(::)—

י. מ. ה. א. פייערן זייערע זיגן פאר'ן יאר

די י. מ. ה. א. האט געהאט א דערפאלגרייכן סעזאן אין 1930. זיי האבן געוואונען די צווייטע דיוויזיע טשעמפיאנשיפ פון דער וויניפעג און דיסטריקט פוטבאל ליג; דעם מידזשעט פוטבאל טיטול און די דזשואוועניל ראגבי. חוץ דעם זיינען זיי געווען דערפאלגרייך אין אנדערע אפטיילונגען פון ספארט.

צו דער געלעגנהייט האבן זיך די מיטגלידער פון י. מ. ה. א. פארזאמלט לעצטע וואך־ענד אין זייערע קלוב צימערן פאר די יערלאכע פרעזענטירונגען פון די טראפיס און באלוינונגען. פרעזידענט מ. קהען איז געווען דער פארזיצער פון דער פארזאמלונג. אויסער די מיטגלידער פון דער י. מ. ה. א. זיינען אנוועזנט געווען א צאל געסט.

עס זיינען אויסגעטיילט געווארן אויסצייכענונגען צו די פאלגנדע: מידזשעט טראפי מיט מעדאלן; דזשואוועניל ראגבי טראפי און מתנות צו די שפילער; "טעניס קאפס" צו מיס עטל פישמאן און ב. קאהען, געווינער פון די פרויען און מענערשע סינגלס קלאב טיטולן; סיניאר פוטבאל טראפי און מעדאלן.

ספעציעלע מתנות זיינען אויסגעטיילט געווארן צו דר. טשווירטשיל, באב הארלי, לערער פון סיניאר פוטבאל טים און דער צווייטער דיוויזיע טשעמפיאנשיפ און צו מר. אלעקס סמיט.

—(::)—

ווערט אנגעקלאגט אין מארד און געשלעג

אלאף אלסאן פון ספראג, מאניטאבא, ווערט מעגלאך אנגעקלאגט ווערן אויף דער קלאגע פון מארד, אין פארבינדונג מיט דעם טויט פון ראי דעל, וועלכער איז געשטארבן פון מעסער וואונדן, אין סט. באניפייס האספיטאל.

דעל איז שטארק צעשטאכן געווארן אין א געשלעג מיט אלסאנען אין ספראג, מאנ., און ער איז געבראכט געווארן אין סט. באניפייס שפיטאל.

לויט דער פאליציי, האט אלסאן צעשטאכן דעל'ן אין בויך, דערפאר, וואס דער פארשטארבענער זאל אים האבן געגעבן א זעץ אין פנים דערפאר וואס ער (אלסאן) האט זיך אריינגעמישט אין א קריגעריי צווישן דעם פארשטארבענעם און אן איינעם, א ערוואורד דזשאנסאן. דאס איז פארגעקומען דעם זעקסטן פעברואר.

—(::)—

בריוו קאסטן

מרס. פינסק, רעדזשיינע. — מען קאן שיקן דורך פאסט פעקלאך קיין סאוועטן רוסלאנד. עס קאסט $2.10 פאר 10 פונט (עס טאר ניט וועגן א האר מער, אנדערש קאסט עס פיל טייערער). מען מוז אבער וויסן וואס צו שיקן, — אויף אייניקע זאכן לייגט ארויף די סאוועט רעגירונג אזעלכע שווערע צאלן, אז עס לוינט זיך זיי ניט אויסקויפן. ווי מיר פארשטייען, איז די בעסטע זאך צו שיקן מעל (מען קאן אויך שיקן פסח'דיקע מעל) און גרויפנס. דער צאל אויף די איז בלויז 10 קאפיקעס א קילא (ארום 2½ פונט).

שיקט ניט קיין מצה, — דער צאל אויף דעם איז שרעקלאך הויך. אגב קאן מען קיינמאל ניט זיין זיכער, אז די פעקלאך וועלן דערגרייכן דעם אדרעסאט. די סאוועט רעגירונג בייט אפט אירע געזעצן וועגן דעם.

מרס. גאלדמאן, ראבלין. — דער אדרעס פאר שיקן געניצטע קליידער איז: מרס. קאמענעצקי, 291 מאקריי עוו., וופג.

אידיש אגריקולטורעלע ארבעט געלויבט פון הויי־קאמישאנער

(ספעצ. טעלעג. צו ד.א.וו. דורך "איטא")

ירושלים, פעב. 17 (איטא). — די אידישע אגריקולטורעלע ארבעט אין פאלעסטינע איז ווארים געלויבט געווארן פונ'ם הייקאמישאנער, לארד טשענסעלאר, אויף דער ערשטער זיצונג פון דעם אנומלט באשטימטן רעגירונגס אגריקולטורעלן ראט. — ווי די "איטא" האט געהערט, כאטש די זיצונגען פונ'ם ראט זיינען פריוואט.

ווי די "איטא" פארשטייט, האט דער ראט אנגעצייכנט די פלענער פאר זיין אויספארשונג און האט באשטימט א סובקאמיסיע, די מייסטע מיטגלידער פון וועלכער זיינען אידן. דער ראט אליין באשטייט פון 13 מיטגלידער, פון וועלכע 2 זיינען בריטישע, 6 אראבער און 5 אידן.

—(::)—

דריי־פערטל מיליאן ארבעטלאזע אין איטאליע

רוים פעב. 7. — די ארבעטסלאזיקייט וואקסט אין איטאליע. לויט אן אפיציעלן באריכט פארעפנטלאכט נעכטן זיינען דעם ערשטן פעברואר געווען אין לאנד 721,976 ארבעטסלאזע, אין פארגלייך מיט 642,169 מיט א חודש צוריק.

דער וואוקס פון ארבעטסלאזיקייט באמערקט זיך הויפטזאכלאך צווישן אגריקולטורעלע ארבעטער, צוליב דעם סעזאנעם מאנגל אין ארבעט.

סיטי קאנסיל נעמט אן גרעים פארשלאג צו פארמיטלען אין סטרייק

א פארשלאג פון אלד. מ. א. גרעי, אז דער סיטי קאונסיל זאל פרובירן פארשלאגן זיין פארמיטלונג אין דעם סטרייק ביי דזשייקאב און קראולי, מיט'ן צוועק צוזאמען צ ברענגען די צדדים זיי זאלן קאנען קומען צו אן אויסגלייך, איז לעצטען אוונט אנגענומען געווארן פון סיטי קאונסיל. א ספעציעלע קאמיסיע איז פאר דעם צוועק אויסגעקליבן געווארן, וועלכע באשטייט פון אלד. גרעי, אלד. בלומבערג, מעיאר וועב און אלד. ענדריוס.

מאכנדיק זיין פארשלאג, האט אלד. גרעי דערקלערט, אז קיינער האט אים ניט געבעטן דאס צו טאן, און אז די צדדים האבן דאס רעכט ניט אנצונעמען די פארמיטלונג. א סטרייק, האט ער געזאגט, איז א בארעכטיקטער קאמפס מיטל פון ארבעטער פאר בעסערע באדינגונגען, און זיי אליין האבן דאס רעכט צו באשליסן וועלכע טאקטיק זיי זאלן אנווענדן אין זייער קאמפף. די שטאט האט אבער ניט קיין רעכט צו שטיין אן א זייט און זי דארף פארשלאגן אירע לייסטונגען, כדי אויסצומיידן, אויף וויפל דאס איז מעגלאך, ליידן.

דער סיטי קאונסיל האט אויך באשלאסן לעצטן אוונט צו פארגרעסערן דעם ביבליאטעק שטייער פון ⅓ אויף ½ מיל, כדי צו פארבעסערן איר באדינונג. אלד. גרעי האט פארטיידיקט די העכערונג אנצייגנדיק מיט ציפערן, אז די צאל ביכער אין דער שטאטישער ביבליאטעק האלט זיך איצט אין פארקלענערן.

די זיצונג האט אויך אנגענומען א רעזאלוציע קעגן פארקויפן די סיטי היידרא צו פריוואטע אינטערעסן.

פירער פון אויפשטאנד קעגן קעניג ווערט פרעמיער פון שפאניע

מאדריד, שפאניע, פעב. 17. — א געוואגטער שריט פון קעניג אלפאנסא, גלויבט מען, האט געראטעוועט די מאנארכיע אין דער שעה פון קריזיס פאראורזאכט פון דער רעזיגנאציע פון פרעמיער בערענגוער.

דער קעניג, ניט קאנענדיק צוזאמען ברענגען די פירער פון די פיינטלאכע פארטייען, האט איבערגעגעבן די רעגירונג אין די הענט פון כאזע סאנטשעס גווערא, פירער פון אן אויפשטאנד קעגן דעם קעניג מיט א קורצער צייט צוריק.

אויסער די פירער פון די קליינע גרופעס פון רעכטס האט מען אומעטום אויפגענומען זיין באשטימונג מיט ענטוזיאזם, און די שטימונג האט זיך זייער גינסטיק אפגערופן אויף דער בערזע.

דער נייער פרעמיער וועט זיכער צוערשט ארויסגעבן א פולע אמנעסטיע צו אלע פאליטישע געפאנגענע, און ער וועט פארופן א קאנסטיטוציאנעלע פארזאמלונג, וואס וועט אוועקנעמען פונ'ם קעניג א סך פון זיין מאכט.

אין דעם נייעם קאבינעט וועלן אריינגיין עטלאכע פירער וואס זיצן איצט אין די טורמעס פאר זייער באטייליקונג אין די אויפשטאנדן.

הענדאיע, פראנקרייך, פעב 17. — באריכטן קומען אהער אז פון שפאניע, אז די ארבעטער האבן פראקלאמירט א גענעראל־סטרייק אויף היינט, מיט דער פאדערונג די מאנארכיע זאל אפגעשאפן ווערן.

לאס־אנדזשעלעסער אידן גיבן באנקעט לכבוד פראפ. איינשטיין

לאס־אנדזשעלעס, פעב. 17 (ספעציעל צו ד. א. וו. פון א. העגסאן). — א באנקעט לכבוד פראפעסאר און פרוי איינשטיין איז דא געגעבן געווארן פון דער היגער אידישער קהלה אין אמבאסאדאר האטעל. א צאל פראמינענטע רעדנער האבן באגריסט דעם חשוב'ן גאסט, איינשליסנדיק לודוויג שיף; דעם מעיאר פון שטאט, דזשאן סי. פארטער; מאיר עלספער, פארטרעטער פון דער אידישער אגענטור, און אנדערע.

דעם טעקסט פון איינשטיינס רעדע האב איך אייך ארויסגעשיקט דורך פאסט.

אויף שבת, פעב. 21טן, איז דא פארופן געווארן א מאסן־פארזאמלונג אין פילהארמאניק אודיטאריע פאר'ן נאציאנאל־פאנד און דעם געווערקשאפטן קאמפיין פאר די פאלעסטינער ארבעטער. די פארזאמלונג וועט אדרעסירט ווערן פון פראפ. איינשטיין, פיליפ קרוזא (פיע"צ סעקרעטאר) און חנה טשיזשיק, פארשטייערן פון דער אידישער ארבעטשאפט אין א"י

אנאנסירט גרינדונג פון פארמערס קרעדיטן פאנד

ע. וו. ביטי, פרעזידענט פון קענעדיען פאסיפיק אייזנבאנען

ווערט אנפרעגן וועגן אימיגראציע

טאראנטא, פעב. 17. — ריידנדיק דא פאר דעם קענעדיען קלוב, האט דער אימיגראציע מיניסטער, מר. גארדאן, דערקלערט, אז די דאמיניאן רעגירונג וועט זיך בארוטן מיט די פראווינצן, איידער זי וועט זיך דערלויבן א גרעסערע אימיגראציע.

מר. גארדאן האט אויסגעדריקט זיין צופרידנהייט מיט די רעזולטאטן וואס די באשרענקונגען ביז איצט האבן געבראכט. אין סעפטעמבער איז די אימיגראציע געשניטן געווארן אויף 47 פראצענט אין פארגלייך מיט פאריארן, און אין דעצעמבער — אויף 58 פראצענט.

—(::)—

מאסן פארזאמלונג וועט הערן וועגן נייער א"י פאליטיק

אין פארבינדונג מיט די לעצטע ידיעות פון לאנדאן לגבי ארץ־ישראל, פארופט די פועלי ציון ארגאניזאציע אין וויניפעג, א מאסן־פארזאמלונג אויף דאנערשטאג, 8.30 אוונט, אין ציון זאל, ביי וועלכער י. העסטרין וועט רעדן וועגן דער נייער ווענדונג פון דער ענגלישער פאליטיק אין באצוג צו ארץ־ישראל. אלע פריינט זיינען געבעטן צו קומען.

געזעלשאפטלאכער קאלענדאר

דינסטאג, פעברואר 17

דר. ג. האמילטאן: "שכל הישר ווי דער באשיצער פון לעבן", ביי מוטער פאראיין א. ר. פ. ט. שול 8.30 אוו., אין טעמפל.

בארד מיטינג פון יונגע פרויען סיסטערהוד, 2.30 נ.מ., אין י. מ. ה. א. זאל.

דר. יאוויש ביי מוטער פאראיין פון ת"ת. 8 נ.מ., אין ת"ת.

מיטוואך, פעברואר 18

פארוו. שפאציר און ראפל ביי מוטער פאראיין פון פרץ־שול. 8.30 אוו., אין שול.

פארזאמ. פון בנות שלום סאס., 8 אוו., אין נייער ת"ת רום 5.

טיי פון מוטער־פאראיין פון ת"ת ביי מרס. שפיגלמאן, 672 פריטשארד עווע.

דעבאטע וועגן פאראייניקונג פון פוע"צ און צעירי ציון ביי בר. 2 פוע"צ, אין נייעם לאקאל.

ספעצ. פארזאמלונג פון וופג. טשאפטער הדסה, 8.30 נ.מ., אין ציון זאל.

פרייטאג, פעברואר 20

ליט. אוונט ביי איד. ארב. קולט. צענטער צו גונסטן די סטרייקערס. 8.30 נ.מ., אין פרייהייט טעמפל.

מאסן־פארזאמ. וועגן ארבעטסלאזיקייטס־פארזיכערונג 8.30 אוו., אין קליינעם זאל פון פרץ אינסט. אויפז. איד. ארב. פארטיי און יוגנט (לינקע פוע"צ).

שבת, פעברואר 21

גרינדונג באנקעט־טאנץ ביי איד. ארב. קולט. צענטער, 8.30 אוו. אין פר. טעמפל.

זונטאג, מארט 1

טיי פאר קאנד. סעלא מאסטענסקי ביי מרס. מאסטענסקי, 500 פריטשארד עווע. 2.30 ביז 12 נ.מ.

4־יאריקער יובילעי פון בנות שלום סאס. 6.30 נ.מ., אין נייער ת"ת.

טעג־טאג פון פוע"צ פרויען קלוב לטובת ארץ־ישראל מארק.

טיי פאר'ן מושב זקנים ביי מרס. ט. שייפער, 488 אבערדין עווע. 2 ביז 12.

אלגעמ. פארזאמ. איד. ארב. פאר. (לינקע פוע"צ). 2.30 נ.מ., אין פרץ אינסט.

טיי פאר וויכטיקן צוועק ביי מרס. מ. טעסלער, 671 סטעלא עווע. 2 ביז 11.

מאנטאג, פעברואר 23

לייען־קרייז פון מוטער פאראיין פון פרץ שול ביי מרס. פלאטקין, 17 "בי" באלפוריא אפטס. 2.30 נ.מ.

זונטאג, פעברואר 22

יערלאכער "טעג־טאג" פאר אידישער פאלקס ביבליאטעק.

אנאנסירט גרינדונג פון הלוואה פאנד פאר מערב קאנאדער פארמערס

ע. וו. ביטי דערקלערט פלאן צו פארבעסערן לאגע פון פארמערס דורך אנטוויקלען פיצוכט. — ריידנדיק דא ביי פארזאמלונג פון באָרד אף טרייד.

אז א דאמיניאן אגריקולטורעל קרעדיט קארפאראציע, מיט א קאפיטאל פון פינף מיליאן דאלאר, איז געגרינדעט געווארן און וועט באלד אנהויבן איר טעטיקייט, איז דא אנאנסירט געווארן לעצטן אוונט ביי א גרויסער פארזאמלונג פון היגן "באָרד אף טרייד", אין ראיאל אלעקסאנדרא האטעל, פון ע. וו. ביטי, קיי. סי. פרעזידענט פון די קענעדיען פאסיפיק אייזנבאנען.

דער צוועק פון דער קארפאראציע, ווי דאס איז נאך פריער אנאנסירט געווארן פון פרעמיער בענעט, אין זיין רעדע אין רעדזשיינע, וועט זיין צו העלפן די פארמערס מיט הלוואות, זיי זאלן קאנען אריינגיין אין געמישטע פארמעריי. ווי מר. ביטי האט דערקלערט, וועט יעדער פארמער, וואו אזא סארט פארמעריי איז נאר פראקטיש קאנען קריגן א הלוואה פון $200 ביז $1,000, אויף א צינז ראטע ניט העכער פון 6 פראצענט, פאר פיצוכט אדער שאפצוכט, אזוי אז ער זאל מער ניט דארפן איינגאנצן אפהיינגען פון דער געטרייד אויף די פעלדער.

דאס געלט פאר דעם פאנד וועט אויסגעלייגט ווערן פון אייזנבאנען, בענק, טראסט־ מארטגעדזש און לאאן קאמפאניס און גרויסע קארפאראציעס.

מר. ביטי איז זיכער, אז דאס וועט פארבעסערן די לאגע פון די פארמערס, געבנדיק זיי א געלעגנהייט צו לייזן אביסל געלט יעדע צייט פון יאר.

א צווייטער רעדנער ביי דער פארזאמלונג איז געווען סי. ט. דזשאפרעי, פרעזידענט פון דער סו ליין, וועלכער האט דערציילט, אז אין מינעזאטא איז אזא פלאן דורכגעפירט געווארן מיט אייניקע יארן צוריק און ער ארבעט זייער גוט, — די מייסטע פארמערס וואס האבן זיך באנוצט מיט די הלוואות האבן זיי שוין אויסגעצאלט און זיי האבן איצט שטענדיקע הכנסות פון זייערע פראדוקטן.

פרץ־שול באשליסט אויסצומיידן "מארטגעדזש" אויף געביידע

$1,265 געשאפן אויף באנקעט פון נאענטע טוער. — מוטער פאראיין פארפליכטעט זיך אויסצוצאלן דריי־טויזנט דאלערדיקן מארטגעדזש אין דריי יאר.

גרויס זארג האט לעצטנס פארשאפט די פרץ־שול טוער דער דעפיציט אינ'ם בוי פאנד. די נייע געביידע, אויפגעשטעלט מיט דריי און א האלב יאר צוריק, האט געקאסט ארום 19 טויזנט דאלאר, בעת צום סוף פון דעם דריי־יאריקן פעריאד איז געשאפן געווארן בלויז ארום 14 טויזנט דאלאר.

דאס האט איבערגעלאזט א דעפיציט פון ארום פינף טויזנט דאלאר, וואס מען איז געווען שולדיק צו דער באנק אויף פערזענלאכע גאראנטיעס. אויסער דעם האט נאך די שול אן אלטן "מארטגעדזש" פון דריי טויזנט דאלאר אויף דער אלטער געביידע.

מען האט לכתחילה געפלאנט צו נעמען א נייעם "מארטגעדזש" אויף דער געביידע, צו דעקן דעם חוב צו דער באנק און דעם אלטן "מארטגעדזש". אבער נאך א לאנגן ישוב הדעת איז באשלאסן געווארן ניט צו באלעסטיקן די געביידע מיט "מארטגעדזשעס", און צו מאכן אן אנשטרענגונג אפצוראמען ביסלאכווייז די חובות אויף א דירעקטן אופן.

אויף א באנקעט פון אן איינגערן קרייז פון שול טוער דעם זונטאג אוונט, אין פרץ־זאל, האט מען געמאכט אן אנהויב, שאפנדיק $1,265 אין מזומן. דאס, צוזאמען דערמיט וואס וועט געשאפן ווערן צווישן אנדערע מיטגלידער און נאענטע מענשן, וועט אויסגעצאלט ווערן צו דער באנק אויפ'ן חשבון, אזוי אז די באנק זאל אויף דעם פארבליבענעם חוב געבן אן "עקסטענשאן". ווען די צייט וועט ווערן אביסל בעסער, וועט די איבעריקע סומע געשאפן ווערן.

פון באזונדער באדייטונג איז געווען דער אנאנס פונ'ם מוטער־פאראיין געמאכט ביי דעם באנקעט, אז די ארגאניזאציע פארפליכטעט זיך אויסצוצאלן דעם אלטן דריי־טויזנט דאלארדיקן "מארטגעדזש" אין דריי יאר צייט, פארשפרעכנדיק א גוטן טשעק אויפ'ן חשבון גאר קירצלאך.

די ביישטייערער צום פאנד דעם אוונט זיינען געווען: וו. קעלער, $200; ב. קאהען, $200; מ. קאזלאווסקי, $200; מארים נייטנסאן, $200; שעפס ברידער, $100; י. א. טשערניאק, $100; י. אווערבאך, $25; ס. פאלינסקי, $25; ח. פערעלמאן, $15; דר. י. פערלמאן, $25; דר. וויקטאר, $25; מעקס נייטנסאן, $50; ב. טאובמאן, $5; י. פריידין, $5; ק. פארטנאוו, $75; מיימאן, $10; מיינסטער, $5. ס"ה $1,265.

—(::)—

אמעריקאנער אידישע מיליאנערן צייכענען זיך אויס ווי פילאנטראפן

ניו־יארק, פעב. 17 (איטא). — פאר דעם יאר 1930 האבן אמעריקאנער מיליאנערן אויסגעטיילט $142,082,670 פאר צדקה צוועקן און "פאונדיישאנס" אין בייטראגן פון א מיליאן דאלאר און העכער. פון דעם האבן אידישע מיליאנערן בייגעשטייערט $35,470,020 אין מיליאניקע ביישטייערונגען און העכער, — דאס הייסט, 25 פראצענט פונ'ם סך־הכל, — לויט די ציפערן וואס זיינען דא נאר וואס פארעפנטלאכט געווארן.

מאיר בראון רעדט היינט וועגן אנטוויקלונגס מעגלאכקייטן אין א"י

היינט, דינסטאג, פעב. 17טן, 8.30 אוונט, וועט מאיר בראון, פרעזידענט פון דעם איד. נאצ. ארבעטער פארבאנד אין די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע, לייענען א לעקציע איבער דער טעמע "אגריקולטורעלע און אינדוסטריעלע מעגלאכקייטן אין ארץ־ישראל". די לעקציע וועט געגעבן ווערן אין פאלקס־שול, טשארלס און סט. דזשאנס, און איז אונטערן אויפזיכט פון סירקין צווייג פון איד. נאצ. ארב. פארבאנד אין וויניפעג.

מאיר בראון האט א צייט פארבראכט אין ארץ־ישראל. ער איז גרינדלאך באקאנט מיט אלעם וואס שאפט דארטן דאס אידישע לעבן, און זיין לעקציע וועט דערפאר זיין פון באזונדער אינטערעס.

נייער פראיעקט פארגעשלאגן פאר סיטי קאונסיל וועגן האלבן טאג רו פאר סטארס

א נייער פראיעקט וועגן שליסן די סטארס פאר א האלבן טאג יעדע וואך (אויסער זונטאג) איז לעצטן אוונט פארגעשלאגן געווארן פאר'ן סיטי קאונסיל, און דער קאונסיל האט באשלאסן צו בעטן די נויטיקע דערלויבעניש פון דער לעגיסלאטור דורכצופירן אזא "ביילאו".

דער פראיעקט פונ'ם "ביילאו" איז אויסגעארבעט געווארן אין א קאמיסיע אין וועלכע אלדערמען בלומבערג און גרעי זיינען מיטגלידער, און ווען ער זאל אנגענומען ווערן ווי פארגעשלאגן, וועט ער געהעריק פארטיידיקן די אינטערעסן פון די קליינע סטארקיפערס בכלל און פון די אידישע בפרט.

לויט דעם דאזיקן פראיעקט האט יעדער סטארקיפער דאס רעכט אויסצוקלייבן וועלכן האלבן טאג ער וויל האלטן זיין סטאר געשלאסן, — מיטוואך אדער שבת, און אידישע קרעמער, אויב זיי וועלן וועלן קאנען אויסקלייבן שבת.

דער "ביילאו", לויט'ן פראיעקט, דארף זיך באציען אויף אזעלכע קרעמער, וואס באשעפטיקן אנגעשטעלטע. די וואס ארבעטן אין די סטארס אליין מיט זייערע פאמיליעס וועלן ניט זיין מחוייב צו פארמאכן די סטארס.

ווען די לעגיסלאטור וועט געבן די נויטיקע דערלויבעניש, וועט דער סיטי קאונסיל אננעמען דעם געהעריקן "ביילאו", אויסארבעטנדיק די איינצלהייטן, און מען קאן דערווארטן א קאמף מצד די גרויסע סטארס קעגן די פריווילעגיעס פאר די קליינע סטארקיפערס.

אגב - אורחא

פון מארק

יענע "איבעריקע אידן"

מיט אייניקע יארן צוריק איז **יצחק גרינבוים** געווען אין אמעריקע, און ער האט דא דערקלערט, אז אין פוילן איז דא אן איבעריקער מיליאן אידן.

זיין דערקלערונג האט געמאכט א שווערען רושם אויף דער היגער אידישער עפנטלאכער מיינונג. און איך גלויב, אז אויך אין פוילן גופא, אין די אידישע קרייזן וואס האבן אנדערע פאליטישע אריענטאציעס ווי גרינבוים, האט מען פארדאמט זיין דערקלערונג.

דאס הייסט דאך איינגנטלאך צוגעבן, אז פאר א מיליאן אידן אין פוילן איז ניטא קיין ארט אינ'ם פוילישן עקאנאמישן לעבן, וואס בארעכטיקט מאראליש די פוילישע פארניכטונגס פאליטיק בנוגע די אידן: פוילן איז דאך אזוי בארעכטיקט צו דער פאליטיק וואס זי פירט אויסצוראטן אט די "איבעריקע" אידן.

און דאס קאנען מיר ניט און טארן ניט צוגעבן: מיר אנערקענען, אז די אידן אין פוילן האבן די זעלבע רעכט אויפ'ן לאנד ווי די פאליאקן; און אויב דאס לאנד איז צו ענג פאר איר באפעלקערונג, קאן מען ריידן וועגן אזויפיל און אזויפיל איבעריקע מענשן אין לאנד, אבער ניט אויסקלייבן די אידן ווי די "איבעריקע".

און אויב די רעגירונג טראכט ניט וועגן אויסראטן די "איבעריקע" פאליאקן, און זוכט צוטיילן פאר זיי א ביסן פונ'ם אלגעמיינעם טיש, פאדערן מיר אויך די זעלבע באציאונג צו די אידן.

**

גרינבוים באלאנגט אבער צו דער "דאי־הארד" פראקציע אינ'ם ציוניזם.

בעת די מער שכל־הישר'דיקע ריכטונג פונ'ם ציוניזם (אגב פארטראטן דורך דר. ווייצמאן) האט שוין לאנג אויפגעגעבן די פאנטאזיע, אז ארץ־ישראל קאן ווערן דער קבוץ גליות און קאן לייזן אלע אידישע פראבלעמען, — פארבלייבט נאך יצחק גרינבוים ביים גרויס ציוניזם, וואס זעט ניט קיין שום תכלית פאר אידן ערגעץ אנדערשוואו, אויסער ארץ־ישראל.

פאר גרינבוימען איז אזוי דער גורל פון די אידן אין פוילן בלויז אויף אזויפיל וויכטיק, אויף וויפל עס זאל דא געשאפן ווערן א מאטעריאל פאר ארץ־ישראל.

און ווי זיין אידיש הארץ טוט אים אפשר ניט וויי פאר'ן גורל פון אט דעם מיליאן איבעריקע אידן, מוז ער אבער זעען אין אים, ווי די ציוניסטן האבן געזעען אין די פאגראמען, א בארעכטיקונג פאר זיין טעאריע פון דער האפנונגסלאזיקייט פונ'ם גלות.

און באלד ווי דער ציוניזם איז דאך סוף כל סוף דער העכערער ציל, איז ער גרייט מצדיק הדין צו זיין: "א מיליאן איבעריקע אידן — א מיליאן קאנדידאטן פאר ארץ ישראל, צי זיי ווילן, צי זיי ווילן ניט".

**

איז יצחק גרינבוים, פונ'ם שטאנדפונקט פונ'ם "דאי־הארד" ציוניסט לאגיש.

אבער ניט אזוי לאגיש איז מאיר בראון (פרעזידענט פון אידישן נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד, וועלכער איז איצט א גאסט אין שטאט).

מאיר בראון, וועלכער קומט איצט פון א רייזע איבער איירעפע, בעת וועלכער ער האט באזוכט אויך פוילן, האט ריידנדיק דא לעצטן פרייטאג, באשטעטיקט גרינבוימס באהויפטונג וועגן דעם מיליאן איבעריקע אידן.

ער האט עס געטאן פארזיכטיק און אין אן אפאלאגעטישן טאן, אבער ער האט געמוזט, הייסט עס, צוגעבן, אז ווי ניט יושרדיק אזא באהויפטונג איז, איז די לאגע אבער פארט אזא: ס'איז דא א מיליאן אידן אין פוילן, פאר וועלכע די איינציקע רעטונג איז אויסוואנדערונג (ער האט, אמת, ניט געזאגט "קיין ארץ־ישראל").

און פאר אים איז עס ניט לאגיש דערפאר, ווייל ער באלאנגט צו אן ארגאניזאציע מיט א סאציאליסטישער וועלטאנשויאונג, און, ווי ער דערקלערט אליין, וואלט סאציאליזם געקאנט שאפן אזא לאגע, אז אט דער מיליאן "איבעריקע" אידן זאל ניט זיין איבעריק.

**

איך אליין בין ניט אזוי אפטימיסטיש: א סאציאליסטישער רעזשים אליין, וואו דער סאציאליזם זאל ניט אריינדרינגען אין אלע ווינקעלאך פון לעבן (און עניג פאר דורות) קאן ניט לייזן דאס פראבלעם פון אידישער דעקלאסירונג.

אבער מיר זעט עס אויס אזוי: צו ריידן וועגן דער עמיגראציע פון א מיליאן אידן פון פוילן איז דער גרעסטער אומזין.

עס פעלן די כחות פאר אזא ריזיקער איבערוואנדערונג, און עס זיינען ניטא די לענדער וואס וועלן אריינלאזן דעם שטראם (און ווייניקער ווי אלץ איז דאס ארץ־ישראל).

אין סאמע בעסטן פאל, קאן די עמיגראציע אבסארבירן בלויז א נוטן טייל פונ'ם נאטירלאכן צוואוקס פון דער פויליש־אידישער באפעלקערונג.

הייסט עס, אז צו רעטן דעם "איבעריקן" מיליאן אידן פון אונטערגאנג דורך עמיגראציע איז א קאלאסאלע און האפנונגסלאזע אויפגאבע.

אבער א מיליאן מענשן לאזט זיך ניט אונטערגיין, און אין זיין קאמף פאר דער סאמע עקזיסטענץ מוז ער געפינען דעם קירצסטן וועג, — דעם קאמף אויפ'ן ארט.

**

און אידן האבן באוויזן אין משך פון זייער געשיכטע, אז זיי קאנען אויסדרייען זיך פון שווערע לאגעס.

די אידן פון פוילן וועלן געפינען דעם וועג צו זייער דערלייזונג, — און דאס מוזן זיי טאן ווי בירגער פון פוילן, ווייל, ווי שווער דאס זאל זיי ניט אנקומען, וועט עס פאר זיי אלץ זיין לייכטער, ווי צו זוכן די דערלייזונג ערגעץ אנדערשוואו.

און זיי טארן בשום אופן אויך אליין מיט גוט ניט אנערקענען זיך ווי "איבעריק".

MON. FEB. 16, 1931
Classified S
PERSON
PROF. SCOTT
R.B.ORMI
96 Osborne St., P
340 Portage Ave.,
P. A. TEMPL
807 Electric Railwa
Phone 89 6
T. A. WEI
Ph 28 800 247 Notre D
LIGHTFOOT'S TA
Phone 86 067
KILSHA
Auctioneer
Canada Bldg.
AACTIVE MESSE
TRANSFE
PH. 26 062 121
We Pay Highe
703 MAIN ST. — P
MODERN FOOT C
LABORATO
812 Toronto General
Phone 80 7
A. MU
376 FURBY
PH. 332
Business Oppo
SCOTT REALT
11 C.P.R. Office Bldg.
MUTUAL AG
874 Main St.
SITUATION W
M. SHECHTM
P. O. Box 57